תשי"א

## סיום הגדול לחברה ש"ס

שבת ר"ח אלול, 4:20 נאכמיטאג
אין כנסת ישראל שוהל
וואשינגטאָן און ראקדייל
סינסינעטי, אָהייאָ

## 20 יאָהר יובילעאום פון ועד העיר

זונטאג, ר"ח אלול, אָוונעד 6:30
סעפּטעמבער דעם 2טען
אין כנסת ישראל שוהל, וואשינגטאָן און
ראקדייל עוועניו, סינסינעטי

## פּראָגראַם

**שבת פריה,** א' ראש חודש אלול, פרשה ראה את הברכה, סעפּטעמבער דעם ערשטען, וועלען אלע חברים מקשיבים עולה לתורה זיין.

דער רב וועט זאָגען פון בימה בעפאַר מוסף לכבוד יום הגדול.

נאָך מוסף וועט אונטען אין בית המדרש וואו מען לערענט, זיין א קידוש, און א טשאָלענט פאַר אַלע מתפללים און געסט.

**שבת** 4:20 **בייטאָג** וועט דער רב זאָגען דעם הדרן בפלפולא דאוריתא גלייך נאָך מנחה די מראה מקומות וועט זיין אָנגעצייכענט מיום ד' בערב און בכתב על כותלי בית המדרש מכל מסכתות הש"ס.

נאָכן הדרן וועט **א שלש סעודות** מיט בשר ודגים וכל מטעמים סערווירט ווערען לכבוד יום הסיום הגדול אויף גאַנץ ש"ס, 39 מסכתות, 5.348 עמודים.

## זונטאג אָוועגד

א' שופטים, ב' דראש חודש אלול, סעפּטעמבער דער 2טער, 6:30, וועט א **באַנקעט** געגעבען ווערען אין שוהל, לכבוד דעם חג היובל פון 20 יאָהר ועד העיר פון אלע אָרטהאָדאָקסישע שוהלען.

**א רעפּאָרט** פון 21 נייע אנשטאלטען און אונטערנעמונגען וואָס זיינען געגרינדעט מיט א סוקסעס פון רב און ועד העיר וואָס איז א כבוד און פון גרוים בענעפיט פאר דער שטאָדט סינסינעטי, וועט רעפּאָרטעט ווערען.

רעדעס וועלען געהאַלטען ווערען. **אַ סעודה** כיד המלך וועט סערווירט ווערען. קומט, האָט פארגעניגען פון אַלעס.

## מאָנטאג, 6:30 אָוונעד

וועט זיין די **התחלה** פון מסכתא ברכות פון נייעם ש"ס שיעור על ידי הרב. רעפרעש-מענטס וועט געגעבען ווערען כנהוג. די גאנצע וואָך וועט זיין די שבעה ימי המשתה.

לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים טובים ארוכים ולשלום.

**חזק חזק ונתחזק**